בעזרת השם יתברך

# סיפורי מעשיות

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת בשלח
יג שבט
שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 4, גליון 10
(97)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



**שבת קודש אינדערפרי, פרשת נצבים, שנת תשפ"ב לפרט קטן, בעיר הקודש אומאן יע"א, נאכ'ן דאווענען ביים 'קידושא רבא' האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט ספר הקודש ספורי מעשיות, מעשה יג, די מעשה פון די זיבן בעטלערס.**

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן דעם שטיקל וואו דער רבי דערציילט פונעם אינגל און מיידל וואס זענען פארלוירן געווארן אין וואלד, און דער אייבערשטער האט זיי געשיקט די זיבן בעטלערס. דערציילט דער הייליגער רבי:

ויהי היום. און סע גיווען איין בריחה אין איין מדינה. זענען זיי אלע צולאפן גיווארן. ווי זיי זענען אנטלאפן גיווארן, זענען זיי גיגאנגען דארך איין וואלד. האבן זיי דארט פארלוירן צוויי קינדער, א זכר און א נקבה. איינער האט פארלוירן א זכר, און איינער האט פארלוירן א נקבה. און זיי זענען נאך גיוועזן קליינע קינדער. פון פיר פינעף יאהר. די קינדערליך האבן ניט גיהאט וואס צו עסן, האבן זיי גישריגן און גיוויינט, וואורן זיי האבן ניט גיהאט וואס צו עסן. דערוויייל איז צו זיי אנגיקומען איין בעטלער, ער איז גיגאנגען מיט די טארבעס. האבן די קינדער אנגיהויבן טשעפען זיך צו איהם, און צו טולען זיך צו איהם. האט ער זיי גיגיבן ברויט, האבן זיי גיגעסן. האט ער זיי גיפרעגט, פון וואנעט קומט איהר אהער. האבן זיי איהם גיענפערט מיר ווייסן ניט, וואורן זיי זענען גיוועזן קליינע קינדער. האט ער אנגיהויבן אוועק צו גיין פון זיי. האבן זיי איהם גיבעטן, אז ער זאל זיי נעמען מיט זיך, האט ער זיי גיזאגט דאס וויל איך ניט, אז איהר זאלט גיין מיט מיר. דער ווייל האבן זיי א קוק גיטאן, איז דער בעטלער בלינד. איז ביי זיי א חידוש גיוועזן, אז ער איז בלינד, ווי אזוי ווייסט ער צו גיין (און צום אמת, איז דאס אליין א חידוש, וואס די קינדער איז דאס קשה גיוועזן. וואורן זיי זענען זיך קליינע קינדער גיוועזן. לושמיר זיי זענען גיוועזן קלוגע קינדער, איבער דעם איז דאס ביי זיי א חידוש גיוועזן) האט ער זיי גיבענטשט (דער בלינדער בעטלער), איר זאלט זיין אזוי ווי איך. איר זאלט זיין אזוי אלט ווי איך. און ער האט זיי איבער גילאזט נאך ברויט, און ער איז זיך אוועק גיגאנגען. האבן די קינדער פארשטאנען, אז השם יתברך האט אויף זיי השגחה גיהאט, און ער האט זיי צו גישיקט אהער א בלינדן בעטלער, ער זאל זיי גיבן עסן.

דערנאך איז ביי זיי אויס גיגאנגען דאס ברויט. האבן זיי ווידער אנגיהויבן צו שרייען עסן. דערנאך איז גיווארן נאכט, האבן זיי דארט איבער גינעכטיגט. אין דערפרי, האבן זיי ווייטער נישט גיהאט צו עסן, האבן זיי גישריגן און גיוויינט. דערוויייל, איז ווידער אנגיקומען א בעטלער, וואס ער איז גיוועזן א טויבער, האבן זיי אנגיהויבן צו איהם צו ריידן, ווייזט ער זיי מיט די הענט און זאגט צו זיי. איך הער גאר ניט. און דער בעטלער האט זיי אויך גיגיבן ברויט צו עסן, און האט אנגיהויבן אוועק צו גיין פון זיי. האבן זיי אויך גיוואלט, אז ער זאל זיי נעמען מיט זיך, האט ער נישט גיוואלט. און ער האט זיי אויך גיבענטשט, אז איהר זאלט זיין אזוי ווי איך. און האט זיי אויך גילאזט ברויט, און איז זיך אוועק גיגאנגען.

דערנאך איז ביי זיי דאס ברויט אויך אויסגיגאנגען, האבן זיי ווידער גישריגן כנ"ל. איז ווידער גיקומען צו זיי א בעטלער, וואס ער איז גיוועזן א כבד פה. (כלומר ער האט גישטאמפלט מיט דעם מויל) האבן זיי אנגיהויבן מיט איהם צו שמועסן. האט ער גישטאמפלט זיינע רייד. האבן זיי ניט גיוואוסט וואס ער רעט, און ער האט יא גיוואוסט וואס זיי רעדן. נאר זיי האבן ניט גיוואוסט וואס ער רעט, וואורן ער האט גישטאמפלט. האט דער בעטלער זיי אויך גיגיבן ברויט צו עסן. און איז זיך אויך אוועק גיגאנגען און האט זיי אויך גיבענטש, אז זיי זאלן זיין ווי ער, און איז זיך אוועק גיגאנגען כנ"ל.

דערנאך איז ווידער גיקומען א בעטלער, וואס ער האט גיהאט א קרומען האלדז. איז אויך אזוי גיוועזן כנ"ל, דערנאך איז ווידער גיקומען א בעטלער, א הויקער. דערנאך איז ווידער גיקומען א בעטלער, אן הענט. דערנאך איז גיקומען א בעטלער, אן פיס. און איטליכער האט זיי גיגיבן ברויט. און האט זיי גיבענטש. אז זיי זאלן זיין אזוי ווי ער, גאר אזוי ווי יענע בעטלערס כנ"ל.

## רעדן צום אייבערשטן

דא זעט מען דאס גרויסקייט פון רעדן צום אייבערשטן; ווי מען זעט דא ווען די אינגל און מיידל זענען פארלוירן געווארן אין וואלד, זיי זענען געוועזן הונגעריג, האבן זיי געוויינט צום אייבערשטן און דער אייבערשטער האט אויף זיי רחמנות געהאט און זיי געשיקט די זיבן בעטלערס.

תפלה איז די איינציגסטע עצה פאר יעדן פראבלעם, פאר פרנסה, פאר קינדער, צו טרעפן א שידוך און אזוי ווייטער, אז מען בעט דעם אייבערשטן העלפט דער אייבערשטער.

## ווי אזוי צו רעדן צום אייבערשטן

מען דארף אבער וויסן ווי אזוי צו רעדן צום אייבערשטן; צום אייבערשטן דארף מען רעדן מיט דרך ארץ, נישט מיט חוצפה, מען דארף בעטן ברחמים ובתחנונים, און אז מען זעט נישט די ישועה קומען, זאל מען נאכאמאל בעטן און נאכאמאל בעטן, כעני בפתח, אזוי ווי אן ארעמאן קומט מיט א צעבראכענע הארץ.

פיל מאל הער איך פון מענטשן זייערע צרות און פראבלעמען, און איך זאג זיי: "**בעט דעם אייבערשטן**", פיל מאל זאגט מען: "**איך האב שוין געבעטן**", מיינענדיג צו זאגן 'די עצה ארבעט נישט', אדער 'די עצה ארבעט נישט ביי מיר', מען זאגט דאס מיט א ביטערקייט: "**איך האב שוין געבעטן...!**" עס באדערט מיר זייער צו הערן אזעלכע אויסדרוקן, 'וואס הייסט דו האסט שוין געבעטן?' 'וואס הייסט תפלה העלפט נישט?' חס ושלום אזוי צו זאגן!

אדער זאגן מענטשן אז זיי קומען מער נישט אויף אומאן ראש השנה, עס העלפט נישט, זיי זעען נישט אז זיי האבן א גוט יאר; ווי אזוי קען א איד אזוי זאגן? חכמינו זכרונם לברכה זאגן אין מסכת ראש השנה (ד.) דריוש איז געווארן א נישט ערליכער קעניג, ווייל ער האט געגעבן אסאך געלט פאר'ן בית המקדש, בתנאי די כהנים זאלן דאווענען: "**לחיי מלכא ובנוהי**", דער קעניג מיט זיינע קינדער זאלן לעבן, און וויבאלד ער האט געטון די אלע גוטע זאכן נאר פאר זיין הנאה איז ער נישט קיין ערליכער. פרעגט די גמרא: "**והתניא, הנותן סלע לצדקה**", מיר האבן דאך געלערנט, אויב איינער געבט צדקה - "**בשביל שיחיו בני**" אז זיין קינד זאל לעבן, זיין קינד זאל זיין געזונט, אדער "**בשביל שאזכה לחיי העולם הבא**" ער געבט צדקה כדי ער זאל באקומען גן עדן, "**הרי זה צדיק גמור**" איז ער א גאנצער צדיק! ענטפערט די גמרא: "**כאן בישראל, כאן בגוים**"; א איד, ווען ער טוט א גוטע זאך עס זאל זיין א זכות פאר אים און אז ער זעט נישט די ישועה "**אינו קורא לו תגר**", האט ער נישט קיין

טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"אֶלָּא תּוֹלֶה הַיִּסּוּרִים בַּעֲוֹנוֹ"**, עֶר הֶענְגְט אָן דָאס וָואס פַּאסִירְט - אִין זַיינֶע עֲבֵירוֹת (רַשִׁ"י, שָׁם). אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן מֶען וַוארְט נָאכְאַלְץ אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, זָאגְט מֶען נִישְׁט: **"עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט אוּמַאן"**, נָאר מֶען טוּט תְּשׁוּבָה. אַ גוֹי וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וָואס עֶר בֶּעט אוּן וַוארְט דֶערוֹיף - הָאט עֶר טַעֲנוֹת אוּן עֶר וֶוערְט בְּרוֹגֶז.

[רֶעדְנְדִיג פוּן גֶעבְּן צְדָקָה אוּן דֶערְבֵּיי בֶּעטְן בַּקָּשׁוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶערְמַאנְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן **גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת**, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: **"וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית"**. אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט צוּגֶעלֵייגְט, אַז שַׁבָּת קֶען מֶען דָאךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה, זָאל מֶען 'אִינְזִין הָאבְּן' בִּשְׁעַת'ן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אַז מֶען וֶועט גֶעבְּן צְדָקָה נָאךְ שַׁבָּת].

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: וֶוען אַ גוֹי רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, וֶוען עֶפֶּעס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, דָאס עֶרְשְׁטֶע שֶׁעלְט עֶר זַיין אָפְּגָאט מִיט קְלָלוֹת נִמְרָצוֹת... אָבֶּער אַ אִיד הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז זִיכֶער דַארְף עֶר תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצו): **"אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'"** אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל. **"רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו"**, נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט, אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן - אִיז נִישְׁט. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): **"אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע"**, קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְּזֵלָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): **"'וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ', הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִלָּתוֹ"**, וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶעבֶּעטְן, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, **"כִּי זֶה הוּא תְּפִלַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל"**.

עֶס אִיז מִיךְ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט בֵּייגֶעפַאלְן צוּ זָאגְן 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעבֶּעטְן אוּן עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן...' פַּארְקֶערְט, אִיךְ טְרַאכְט אֵייבִּיג 'אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ בֶּעסֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

## 'אָפְּגֶערֶעדְט' אוּן 'אוֹיסְגֶערֶעדְט'

זִיךְ 'אוֹיסְרֶעדְן' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, וִוידֶער זִיךְ 'אָפְּרֶעדְן אוּן קְלָאגְן' אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ. 'אָפְּגֶערֶעדְט' אוּן 'אוֹיסְגֶערֶעדְט' זֶענֶען צְוֵויי אַנְדֶערֶע וֶועלְטְן. אָפְּרֶעדְן טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיף גָארְנִישְׁט; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת דַארְף עֶר וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן חַס וְשָׁלוֹם, מֶען דַארְף וִויסְן אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - דָאס אִיז גוּט, מֶען דַארְף זִיךְ חַזֶּר'ן דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים לב, ד): **"הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, קֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא"**.

אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס יָא; דָאס אִיז דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה וָואס צַדִּיקִים טוּעֶן, וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת רֶעדְן זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט הַכְנָעָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי פְרֶעגְן קֵיינְמָאל נִישְׁט: "פַארְוָואס?" זֵיי וֵוייסְן אַז דָאס קוּמְט זֵיי, דֶערְפַאר לֶעבְּן זֵיי שְׁטֶענְדִיג מִיט תְּשׁוּבָה. זֵיי טוּעֶן תְּשׁוּבָה, זֵיי נֶעמֶען זִיךְ פָאר אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן, דֶער צַדִּיק בֶּעט בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים.

## שָׁלוֹם בַּיִת

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: אַזוֹי וִוי מֶען אִיז זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ 'תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ' פוּן אַלֶע לֶענְדֶער, דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת; עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען זָאל לֵייגְן אַזַא דָגוּשׁ אוֹיף 'שָׁלוֹם בַּיִת' וִוי בַּיים רֶבִּי'ן, ווַייל 'שָׁלוֹם בַּיִת' אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין בְּרֶסְלֶב.

אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס דְרֵייְדְט זִיךְ בַּיינַאכְט אִינְדְרוֹיסְן, אִיז עֶס אַ מוֹרָא'דִיגֶע קַשְׁיָא; מֵילָא אַ בָּחוּר אִיז דָאךְ אַ רַחְמָנוּת, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, וואוּ זָאל עֶר גֵיין? דְרֵייְדְט עֶר זִיךְ בַּיינַאכְט אִינְדְרוֹיסְן, [מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן, אַז נִישְׁט אַלֶע בָּחוּרִים זֶענֶען אַ רַחְמָנוּת, עֶס זֶענֶען דָא בָּחוּרִים וָואס מֶען טְרָאגְט זֵיי אָן שִׁידּוּכִים אוּן זֵיי זָאגְן אָפּ אֵיינֶע נָאךְ דִי אַנְדֶערֶע, ווַייל קַיין אֵיינֶע פַּאסְט נִישְׁט פַאר זֵיי... דִי זֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס שׁוּלְדִיג, וִוילַאנְג לֶעבְּט דֶען אַ מֶענְטְשׁ, זִיבְּן הוּנְדֶערְט יָאר? מֶען לֶעבְּט בְּלוֹיז זִיבֶּעצִיג יָאר, דַארְף מֶען חַתוּנָה הָאבְּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, אוּן בְּרֶענְגֶען דוֹרוֹת אוֹיךְ דִי וֶועלְט], אָבֶּער אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט חַתוּנָה גֶעהַאט, וָואס זוּכְסְטוּ אִינְדְרוֹיסְן? גֵיי אַהֵיים, אַז דוּ ווִילְסְט עֶרְגֶעץ גֵיין - גֵיי מִיט דַיין וַוייבּ, וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט דִיר אַז דוּ זוּכְסְט צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ? דָאס אַז דַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט קַיין חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אִיר, עֶס הָאט נָאר מִיט דִיר! טוּ תְּשׁוּבָה, וַוארְף אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאוֹן, וֶועט זִי בַּאקוּמֶען חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן.

## זַיי דוּ אִיר טֶערֶעפִּיסְט

אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט מִיר: 'וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז מַיין וַוייבּ דֶערְצֵיילְט מִיר אַלְטֶע וֵוייטָאג פוּן אַלְס קִינְד, אוּן זִי וֵויינְט אַ גַאנְצְן טָאג?' זָאג אִיךְ אִים, דַארְפְסְט גָארְנִישְׁט טוּן, הֶער אִיר אוֹיס אוּן וַוייז אִיר מִיטְגֶעפִיל, זִי זָאל דִיר אַרוֹיסְגֶעבְּן אִיר גַאנְצֶע וֵוייטָאג, אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִיר פוּן אִיר יוּגְנְט, אַזוֹי וֶועט זִי זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע פְרוֹי, אוּן זִי וֶועט מֶער נִישְׁט וֵויינֶען; דִי בֶּעסְטֶע טֶערֶעפִּי פַאר אַ פְרוֹי - אִיז דֶער מַאן, אַ מַאן קֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין וַוייבּ זִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע אַלְטֶע וֵוייטָאג פוּן אַלְס קִינְד, פוּן שְׁטוּבּ אוּן פוּן סְקוּל, מֶען דַארְף אוֹיסְהֶערְן אוּן לָאזְן אוֹיסְרֶעדְן - אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

אַנְשְׁטָאט זָאגְן 'מַיין וַוייבּ הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם', 'מַיין וַוייבּ הָאט אַ עָבָר', מַיין וַוייבּ הָאט 'אִישׁוּ"ס', אוּן אִיר שִׁיקְן צוּ טֶערֶעפִּי, זַיי דוּ אִיר טֶערֶעפִּיסְט, הֶער אוֹיס אִיר גֶעוֵויין אוּן אִירֶע מַעֲשִׂיּוֹת, וֶועט זִי וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶע פְרוֹי.

## שְׁפֶּעטֶער קֶען מֶען בַּארוּאִיגְן

עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן, אַז וֶוען דִי וַוייבּ שְׁרֵייעֶט אוֹיף דִי קִינְדֶער קֶען מֶען אִיר נִישְׁט דֶעמָאלְט זָאגְן מוּסָר, אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער, בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה דַארְף מֶען צוּהֶעלְפְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן פָאלְגְן, עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, קֶען מֶען אִיר בַּארוּאִיגְן אַז בֶּאֱמֶת זֶענֶען דִי קִינְדֶער וואוֹיל, זֵיי ווִילְן זַיין גוּט, אוּן מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ זֵיי אָן שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.